# ווערטער WOORDEN

**Willy Brill**

**האלטן houden; bewaren; menen**

וווּ האלטן מיר אין דער לעקציע? waar zijn we gebleven met de les?

איך האלט בײַם אוועקפאָרן ik sta op het punt te vertrekken

האלטסטוּ מיך פאר עפּעס א תּם? denk je soms dat ik onnozel ben?

די נײַע מיניסטאָרן האָבן געהאלטן אין איין רײַסן זיך

die nieuwe ministers bleven maar ruzie maken

**אויסהאלטן uithouden; verdragen; langer bewaren**

האלט ניט אויס דעם כּעס ביז די אויגן ווערן נאס blijf niet boos tot er tranen in je ogen staan

די סאָפע האָט שיער נישט אויסגעהאלטן אזא בעל-גוף

de sofa bezweek bijna onder zo'n dikke man

איך וואָלט עס ניט אויסגעהאלטן, חתונה האָבן מיט אן אלטן!

ik zou het niet uithouden, trouwen met een oude man!

**אויפהאלטן handhaven; onderhouden**

מײַן שכן איז א פּויליאַק, זײַן ווײַב מוז אים אויפהאלטן

mijn buurman is een luiwammes, zijn vrouw moet hem onderhouden

די טאָפּל-פענצטער האלטן אויף די ווארעמקייט אין שטוב

de dubbele beglazing houdt de warmte vast in huis

**אויפהאלטן זיך zich ophouden; vertoeven**

אין וואָסערע קרײַזן גלוסט עס דיר זיך אויפצוהאלטן?

in welke kringen vertoef je graag?

**אונטערהאלטן ondersteunen; helpen; instemmen**

די מאמע האלט אונטער איר עופעלע, ער זאָל ניט פאלן

mama ondersteunt haar peutertje zodat hij niet valt

נעם א טרונק בראָנפן כּדי צו אונטערהאלטן די נשמה

neem een pittige slok om je ziel op te vrolijken

איך קען דײַן מיינונג ניט אונטערהאלטן ik kan het niet met je eens zijn

**איבערהאלטן doorstaan, overleven; doorbrengen**

זיי האָבן איבערגעהאלטן קרענק, צרות, בקיצור שלעכטע צײַטן

ze overleefden ziekte en zorgen, kortom slechte tijden

ער וועט איבערהאלטן שבת בײַ די עלטערן hij gaat sjabbes doorbrengen bij zijn ouders

**אײַנהאלטן vasthouden; ophouden; tegenhouden**

האלט אײַן און לאָז ניט אָפּ! hou vast en laat niet los!

האלט אײַן די פערד hou de paarden in

קיין פראָסט קען אים אײַנהאלטן גיין באָדן אין וואָלגע

vorst of geen vorst, hij gaat zwemmen in de Wolga

**אָפּהאלטן tegenhouden, verhinderen**

ער איז קאָנסערוואטיוו און וויל אָפּהאלטן דעם פּראָגרעס

hij is conservatief en wil de vooruitgang tegenhouden

**באהאלטן verbergen**

באהאלט דעם אוצר אין דער ערד verberg de schat in de grond